**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג אויפשטייג אין האסע און דיסקרימינאציע פארברעכנס, שיקט גאווערנער האקול ארויס סטעיט מיטלען צו באשיצן ניו יארקער אין איינגעשטעלטע קאמיוניטיס און אויף קאלעדזש קאמפוסן**

***50 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו באקומען פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן צו פארמיידן און אויספארשן האסע פארברעכנס און אנדערע פארברעכנס***

***25 מיליאן דאלאר אין 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכן' גרענטס אפפערן סעקיוריטי פאר געבעט הייזער, קאמיוניטי צענטערן און אנדערע איינגעשטעלטע פלעצער***

***גאווערנער באשטימט ריכטער דזשאנעטען ליפמאן צו דורכפירן ארומנעמיגע איבערבליק פון אנטיסעמיטיזם און אנטי-דיסקרימינאציע פאליסיס אויף CUNY קאמפוסן***

***ניו יארק סטעיט פאליציי וועט פארברייטערן סאָושעל מידיע אנאליזירונג איינהייט צו נאכפאלגן דראאונגען אויף סקולס און קאלעדזש קאמפוסן***

***ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן וועט צוזאמרופן קאמיוניטי שמועס גרופעס צו נאענטער צוזאמברענגען ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סעריע שריט ארויסשיקנדיג אלע מיטלען וואס זענען נאר פארהאן צו האלטן ניו יארקער זיכער נאכפאלגנדיג אן אויפשטייג אין האסע און דיסקרימינאציע אינצידענטן אין די וואכן נאכפאלגנדיג די אקטאבער 7 כאמאס טעראר אטאקעס. אין א רעדע צו ניו יארקער, האט גאווערנער האקול ארויסגעהויבן 50 מיליאן דאלאר וואס זענען דא צו באקומען פאר לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן צו פארמיידן האסע פארברעכנס און אנדערע פארברעכנס, 25 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר סעקיוריטי פאר איינגעשטעלטע קאמיוניטי גרופעס און קולטורישע צענטערן, אן אויסברייטערונג פון די ניו יארק סטעיט פאליציי'ס 'סאָושעל מידיע אנאליזירונג איינהייט' און א נייע איניציאטיוו פון די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights). גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז ריכטער דזשאנעטען ליפמאן, דער ברייט-רעספעקטירטער געוועזענער הויפט ריכטער פון ניו יארק און הויפט ריכטער פון די ניו יארק סטעיט געריכט פון אפיעלס, וועט דורכפירן אן איבערבליק אלס אן אומאפהענגיגער דריטע פארטיי פון די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק'ס (City University of New York, CUNY) פאליסיס און פראצעדורן אין באציאונג צו אנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאציע.

"מיין הויפט פריאריטעט איז צו באשיצן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "לאמיר זיין קלאר: מיר טארן נישט ערלויבן האס און אנשרעקונגען צו ווערן א נארמאלע זאך. אלס גאווערנער טוה איך ווידערהאלן אז עס איז נישטא קיין שום טאלעראנץ אין ניו יארקער פאר

אנטיסעמיטיזם, איסלאַמאָפאָביע אָדער האַס פון סיי וועלכע סאָרט, און עס איז קריטיש אַז מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט יעדע מעגליכע סטעיט מיטל צו האַלטן ניו יאָרקער זיכער."

"אין דעם מאָמענט איז דאָס קריטיש אַז מיר זאָלן זיך קימערן איינער פאַרן אַנדערן און זיכער מאַכן אַז ניו יאָרקער פון יעדע הונטערגרונט זענען באַשיצט פון האַס און געשטיצט מיט ליבשאַפט", **האָט ליוטענאַנט גאַווערנער אַנטאָניאָ דעלגאַדאָ געזאָגט.** "מיר וועלן זיכער מאַכן אַז קאָמיוניטיס אַריבער אונזער סטעיט זענען זיכער און אַז מענטשן זענען פריי צו זיין ווער זיי זענען."

**50 מיליאָן דאָלאַר פאַר געזעץ אינפאָרסירונג אַגענטורן אַריבער די סטעיט**
ניו יאָרק סטעיט שטעלט צו 50 מיליאָן דאָלאַר פאַר געזעץ אינפאָרסירונג טעכנאָלאָגיע און עקוויפּמענט צו מאָדערניזירן זייערע אָפּעראַציעס און צו אויספאָרשן און פאַרמיידן פאַרברעכנס אויף מער אַ ווירקזאַמען אופן, אַריינרעכענענדיג האַסע פאַרברעכנס. די DCJS זעהט איבער די פאַרטיילונג פון די געלטער, און די טערמין צו אַריינגעבן אַפּליקאַציעס איז מיטוואָך, נאָוועמבער 8, 2023. די DCJS האָט אַרויסגעגעבן די [איינלאַדענונג פאַר אַפּליקאַציעס](#) נאָכן צוריקהערן פון פּאָליציי דעפּאַרטמענטס און שעריף'ס אָפיסעס פאַרגאַנגענעם הערבסט איבער די סאָרטן טעכנאָלאָגיע און עקוויפּמענט וואָס זיי דאַרפן האָבן. אַגענטורן קענען זוכן פינאַנצירונג פאַר פאַרשידענע עקוויפּמענט און טעכנאָלאָגיע, אַריינרעכענענדיג אָבער נישט באַגרעניצט צו מאַשינען וואָס לייענען לייסענס פּלעיטס, רוקעוודיגע און אַוועקגעשטעלטע קאַמעראַס, קאָמפּיוטער-געהילף דיספּעטש סיסטעמס, סאָפטוועיר, פּילאָטלאָזע פלוגצייג, מאַשינען וואָס כאַפּן אויף אַ שוס פון אַ וואָפן, און קלוגע עקוויפּמענט פאַר פּאַטראָל קאַרן און פּאָליציי אָפיצירן.

**25 מיליאָן דאָלאַר אין 'פאַרזיכערן קאָמיוניטיס קעגן האַסע פאַרברעכן' גרענטס**
גאַווערנער האָקול האָט אָנאָנסירט אַז נאָך 25 מיליאָן דאָלאַר פאַר די 'פאַרזיכערן קאָמיוניטיס קעגן האַסע פאַרברעכן' (Securing Communities Against Hate Crimes, SCAHC) גרענטס זענען דאָ צו באַקומען. זעהענדיג די אָנגייענדע האַס און עקסטרעמיזם אינדערהיים און אין אויסלאַנד, האָט די גאַווערנער אויך פאָראָרדנט די DCJS צו אויפקומען מיט נייע שעפערישע פּלענער און סטראַטעגיעס צו אַריינגעבויט ווערן אין דעם SCAHC פּראָגראַם אין די צוקונפט — צום ביישפּיל העכערן די מאַקסימום גרענט סומע; האָבן אַ מער געשליפענע פּראָצעדור, באַהאַנדלנדיג אַפּליקאַציעס אין די סדר וויאַזוי זיי קומען אַריין; און שיטות צו אָפּשאַצן ווי גוט באַנוצטע שוץ עקוויפּמענט און טעכנאָלאָגיע אַרבעטן. די פּאָטענציאַלע ענדערונגען וועלן העלפן זיך אָפּרופן צו די יעצטיגע באַדערפענישן און שוועריגקייטן וועלכע שטייען פאַר אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען אין סכנה פון האַסע פאַרברעכנס.

אין יולי האָט די גאַווערנער [אָנאָנסירט](#) די לעצטע SCAHC פינאַנצירונג גרענטס פאַר 497 אָרגאַניזאַציעס אַריבער די סטעיט פאַר 1,081 פּראָיעקטן פאַר אַ סך הכל פון $51,680,910, מיט $8,899,091 גייענדיג פאַר 187 סייבער-סעקיוריטי פּראָיעקטן. אָנגעפירט דורך די DCJS, שטעלט דער SCAHC פּראָגראַם צו פינאַנצירונג צו פאַרשטערקערן סעקיוריטי מאָסנאָמען און צו פאַרמיידן האַסע פאַרברעכנס קעגן וואוילטעטיגע קאָמיוניטי און בירגערליכע צענטערן, קולטורישע מוזעאומס, דעי-קעיר צענטערן און אַנדערע וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס וועלכע קענען זיין אויסגעשטעלט צוליב זייער אידעאָלאָגיע, גלויבנונגען אָדער מיסיע. די געלטער קענען געניצט ווערן אויסצוהאַלטן דרויסענדע אָדער אינערליכע זיכערהייט פאַרבעסערונגען, נישט בלויז אָבער אַריינרעכענענדיג באַלייכטונג, שלעסער, אַלאַרמס, פּאַניק קנעפּלעך, צוימען, מויערן, צוטריט קאָנטראָלירונג, גלאָז און פילם וועלכע קענען אויסשטיין אן אויפרייס, סיסטעמען צו אַדרעסירן דעם פּובליק, און צום ערשטן מאָל, מאָסנאָמען צו פאַרשטערקערן סייבער-סעקיוריטי. די געלטער קענען אויך דעקן קאָסטן פאַרבינדן מיט סעקיוריטי טרענירונג.

**דריטע-פּאַרטיי איבערבליק פון CUNY פּאָליסיס און פּראָצעדורן אין באַציאונג צו אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע**

די איבערבליק פון CUNY פאַליסיס און פּראָצעדורן וואס גאווערנער האקול האט געבעטן פון ריכטער דזשאנעטען ליפמאן צו דורכפירן וועט אריינרעכענען רעקאמענדירטע שריט פאר די CUNY באורד אָוו טראָסטיס צו פארשטערקערן זייערע אנטי-דיסקרימינאציע פּאָליסיס און העלפן באשיצן אידישע סטודענטן און איינגעשטעלטע. ריכטער ליפמאן וואס איז א לעגאלער יועץ אין די ניו יארקע אפיס פון Latham & Watkins וועט געשטיצט ווערן דורך זיין פירמע מיט די איבערבליק. די איבערבליק איז ערווארטעט צו אריינרעכענען אינטערוויוס, פארשונג און זיך דורכרעדן מיט אנדערע, און עס וועט דעקן די פאלגנדע נושאים:

- קאמפוס אטמאספערע, אריינרעכענענדיג אן אפשאצונג פון די באציאונג צו- און קוק ווינקלען אויף- אנטיסעמיטיזם אין פארשידענע CUNY קאמפוסן.
- יעצטיגע אוניווערסיטעט פאליסיס, פראצעדורן און סיסטעמען פון אויספארשן אנטיסעמיטיזם קאמפלעינטס.
- איינהייטליכקייט מיט באהאנדלונג דורך די אוניווערסיטעט ביים באהאנדלען אנטיסעמיטיזם קאמפלעינטס און אלע אנדערע סארטן דיסקרימינאציע.
- ריכטיגע באלאנס צווישן פרייהייט פון אויסדרוק רעכטן מיט באשיצונג פון סטודענטן'ס רעכט צו באקומען א בילדונג פריי פון אנטיסעמיטישע דראאונגען, אנשרעקונגען אדער דיסקרימינאציע.

א באריכט פון ריכטער ליפמאן'ס געפינסן איז ערווארטעט אין פרילינג.

**ריכטער דזשאנעטען ליפמאן האט געזאגט,** "אלס א ריכטער און לויער, איז מיין קאנצענטראציע שטענדיג געווען ערשטנס און קודם כל אויף יושר און גלייכע גערעכטיגקייט. די זעלבע געפיל פאר יושר און פרייהייט פון אפשרעקונגען, פאר אידישע סטודענטן און פאר אלע אנדערע אין CUNY'ס אקאדעמישע קאמיוניטי, וועט זיין אין צענטער פון מיין איבערבליק. אנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאציע אין אלע צורות זענען אומאקצעפטירבאר, און עס איז מיר אן עהרע אז די גאווערנער האט מיר געבעטן צו דורכפירן די וויכטיגע אויפגאבע."

**פארברייטערונג פון סאָושעל מידיע אנאליזירונג צו אידענטיפיצירן דראאונגען און קרימינאלע אקטיוויטעט**

די ניו יארק סטעיט פאליציי באנוצן זיך מיט עפנטליכע סאָושעל מידיע אקטיוויטעט און ארויפגעלייגטע פּאָסטס צו ארויסהעלפן מיטן אידענטיפיצירן ממשיות'דיגע קרימינאלע אקטיוויטעט וואס קומט פאר אין די סטעיט. אבער די מאס פון די אינפארמאציע איז אזוי גרויס און טוישט זיך אזוי שנעל אזש די סטעיט פאליציי'ס יעצטיגע באמיאונגען קומען נאר אן צום שפיץ גאפל פון וואס עס איז אלס מעגליך צו אויפכאפן און אינטערווענירן. גאווערנער האקול האט אנאנסירט נאך $700,000 צו פארשטערקערן די סאָושעל מידיע אנאליזירונג איינהייט ביי די NYSIC דורכן צושטעלן די איינגעשטעלטע פאר א מאנשאפט פון אנאליסטן צו דורכפירן טעגליכע אנאליזן איבער עפנטליכע סאָושעל מידיע אקטיוויטעט – באזונדערס אזעלכע וואס האט צו טוהן מיט דראאונגען איבער געוואלדטאטן אין סקולס, מאפיאנערישע אקטיוויטעטן און אומלעגאלע וואפנס – צו צובינדן אינפארמאציע צוריק צו עקזיסטירנדע קרימינאלע פארשונגען, אנהויבן נייע פארשונגען און אריבערשיקן אינפארמאציע איבער דראאונגען צו די ריכטיגע איינגעשטעלטע אויפן שטח.

**קאמיוניטי שמועס גרופעס**

אין אפרופונג צו לעצטיגע געשעענישן אין די מיטל מזרח וועט די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן'ס (Division of Human Rights, DHR) האסע און דיסקרימינאציע פארמיידונג יוניט אפפערן קאמיוניטי שמועס גרופעס צו רעדן איבער וויאזוי קאמיוניטי מיטגלידער זענען אפעקטירט געווארן דורך די געשעענישן און צו העלפן איינער דעם אנדערן אין די צייט וואס מיר מוטשענען זיך צו האנדלען מיט די געפילן און זיך היילן.

די שמועסן וועלן זיין פנים אל פנים און ספעציפיש פאר קאמיוניטיס כדי צו ערלויבן יעדן איינעם צו טרעפן דארט א זיכערע פלאץ.

די אנאנס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארשטערקערן זיכערהייט פראטאקאלן קעגן האסע און דיסקרימינאציע פארברעכנס נאכפאלגנדיג כאמאס'ס אטאקע אויף מדינת ישראל. לעצטע וואך האט גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון נייע האטליין און אנליין בויגן וואו ניו יארקער קענען באריכטן שנעלערהייט האסע און דיסקרימינאציע אינצידענטן. באלד נאכפאלגנדיג די כאמאס טעראר אטאקעס, האט גאווערנער האקול פולשטענדיג אקטיוויזירט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס אפיס פון קאנטער-טעראר, זי האט פארברייטערט סטעיט פאליציי נאכפאלגונג פון סאָושעל מידיע און פארארדנט די MTA און פארט אויטאריטעט פירער צו פאטראלירן טראנספארטאציע צענטערן וואו עס איז דא א גרעסערע געפאר. אין יולי האט גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 51 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג צו פארשטערקערן די זיכערהייט און סעקיוריטי פון ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין געפאר פון האסע פארברעכנס.

די אפיס פון קורבנות סערוויסעס שטיצט 239 קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו דירעקטע סערוויסעס און שטיצע פאר קורבנות און איבערלעבער פון פארברעכן און זייערע פאמיליעס, און אזוי אויך פארגוטיגונגען און צוריקצאלונגען פאר פארברעכן-פארבינדענע אויסגאבן אויב א מענטש האט נישט קיין אנדערע מיטלען פון וואו צו באצאלן. באזוכט ovs.ny.gov פאר מער אינפארמאציע.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "קאארדינאציע אריבער פארשידענע שטאפלען פון רעגירונג און אגענטורן איז קריטיש צו באשיצן ניו יארקער. די אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן די שותפות צווישן ניו יארק סטעיט און די FBI, און עס וועט פארמערן יעדן איינעם'ס קאפאציטעט צו באגרעניצן און אפשטעלן האסע-געטריבענע געוואלדטאטן."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער, מאריע ל. אימפעריאל, האט געזאגט,** "די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן איז פארפליכטעט צו בויען א בעסערע ניו יארק, פריי פון האסע און דיסקרימינאציע און אנגעפילט מיט ליבשאפט פאר יעדן. יעצט מער פון סיי ווען מוזן מיר אנערקענען אונזער געמיינזאמע מענטשהייט און זיך פאראייניגן קעגן האס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין פלאץ פאר האס אין ניו יארק. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיין מאנשאפט טוט צו צושטעלן קריטישע פינאנצירונג צו העלפן איינגעשטעלטע ארגאניזאציעס און זייערע ניו יארקע שכנים. א דאנק, גאווערנער האקול, פאר אייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו אויסראטן האס און ארבעטן מידלאזערהייט צו זיכער מאכן אז אונזערע לאקאלע שותפים האבן די מיטלען וואס זיי דארפן צו העלפן האלטן זייערע קאמיוניטיס זיכער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קורבנות סערוויסעס דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "אריבערגיין סיי וועלכע פארברעך קען זיין א טראומע פאר קורבנות, אבער פאלן א קורבן צו א האסע פארברעך קען האבן א באזונדערס שווערע השפעה — נישט נאר אויף א מענטשן'ס פיזישע געזונטהייט נאר אויך אויף זייער גייסטישע געזונטהייט. מיר אפפערן מיטלען און שטיצע פאר די קורבנות און פאר איבערלעבער זיי צו העלפן ווייטער גיין מיט זייערע לעבנס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער זענען זיכער אויף אונזערע געסער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן